# דער אורח

## א.

— איך האָב פון אייערטוועגען, רב יונה, איין אורח אויף פסח, האָט איהר נאָך אַזאַ אורח נישט געהאַט זינט איהר זענט אַ בעל־הבית.

— דהיינו?

— דהיינו, איין אתרוג, נישט קיין אורח!

— דהיינו, וואָס הייסט איין אתרוג?

— דהיינו, איין אתרוג הייסט — אַ איד פון סאַמע זייד, און אַ שענער איד אַ פּאַרשוין. איין חסרון נאָר, וואָס ער פאַר־שטעהט נישט אונזער לשון.

— וואָסער דען לשון פאַרשטעהט ער?

— לשון־קודש.

— פון ירושלים?

— פון וואַנען ער איז — וויים איך נישט, נאָר אַז ער רעדט, רעדט ער מיט סאַמע פּתח׳ען.

אָט אַזאַ געשפּרעך איז פאָרגעקומען צווישען טאַטען מיט עזריאל דעם שמש אַ פּאָר טעג פאַר פסח, און איך בין זעהר נייגיעריג געווען אָנצוקוקען דעם דאָזיגען „אתרוג", וואָס פאַר־שטעהט נישט אונזער לשון און רעדט מיט סאַמע פּתח׳ען. שוין אין שוהל האָב איך באַמערקט עפּיס אַ מאָדנע נפש מיט אַ שטריימעל און מיט אַ טערקישען חאַלאַט פון געלע, בלויע און רויטע פּאַסען. ארום דעם דאָזיגען פּאַרשוין האָבען מיר, יונגוואַרג, ארומגעשטעלט זיך פון אלע זייטען און גענומען איהם באַטראַכטען, און האָבען געחאַפּט אַ מיאוס׳ען פּסק פון עזריאל דעם שמש: קינדער זאָלען נישט האָבען קיין טבע קריכען אַ פרעמדען מענטשען אין פּנים אריין. נאָכ׳ן דאַווענען האָט דער גאַנצער עולם אָפּגע־שטעקט דעם פּאַרשוין שלום און געזאָגט איהם אַ גוט יום־טוב, און דער פּאַרשוין האָט אַלעמען אָפּגעענטפערט מיט אַ זיס שמייכעלע אויף די רויטע בעקלעך, פאַרבּרעמט מיט אַ גרוי בערדעל: „שאַלאָם! שאַלאָם!" דער „שאַלאָם־שאַלאָם" האָט ארויסגע־רופען ביי אונז, קליינוואַרג, זעהר אַ גרויס געלעכטער. און דאָס האָט עזריאל דעם שמש שטאַרק פאַרדראָסען; האָט ער זיך געלאָזט צו חברה מיט אַ פאַרטיגער האַנט אויף צו געבען פּעטש. חברה האָט זיך פון עזריאל׳ס האַנט אויסגעגליטשט, וויעדער פאַר־גנב׳עט זיך צום פּאַרשוין, הערען ווי ער זאָגט „שאַלאָם־שאַלאָם", אויסגעשאָסען אַ געלעכטער און וויעדער זיך אויסגעגליטשט פון עזריאל׳ס האַנט... מיט גרויס גדלות לאָז איך מיך געהן נאָכ׳ן טאַטען מיט׳ן דאָזיגען פּאַרשוין צו אונז אויף יום־טוב און פיהל, אַז אַלע חברים זענען מיר מקנא אויף דעם אורח. זיי קוקען אונז נאָך אַלע פון דער וויטען, און איך דרעה־אויס צו זיי דעם קאָפּ און שטעל זיי ארויס אַ צונג. אַ גאַנצען וועג שווייגען מיר אַלע דריי, און אריינגעקומען אין שטוב אריין, זאָגט דער טאַטע צו דער מאַמע: „אַ גוט יום־טוב!" און דער אורח טהוט אַ שאָקעל מיט׳ן קאָפּ און דאָס שטריימעל טהוט זיך אַ טרייסעל: „שאַלאָם! שאַלאָם!" איך דערמאָן מיך אָן מיינע חברים און באַהאַלט דאָס פּנים אונטער׳ן טיש, איך זאָל נישט אויסשיסען קיין געלעכטער. איך חאַפּ אַ קוק אַלע מאָל אויפ׳ן אורח, און ער געפעלט מיר: עס געפעלט מיר זיין טערקישער חאַלאַט, וואָס מיט די געלע, בלויע און רויטע פּאַסען; עס געפעלען מיר די רויטע פריש־בּלוטיגע בעקלעך זיינע, וואָס זענען ארומגעבּרעמט מיט אַ שען קײלעכיג גרוי בערדעל; עס געפעלען מיר זיינע שוואַרצע שענע אויגען, וואָס קוקען־ארויס שמייכלענדיג פון אונטער די געדיכטע גרויע ברעמען. אויך דעם טאַטען, זעה איך, איז ער געפעלען. דער טאַטע איז זיך מיט איהם משמח, און די מאַמע קוקט אויף איהם, ווי אויף אַ געטליכען מענטשען, און קיינער רעדט נישט מיט איהם אַ וואָרט. דער טאַטע אַליין מיט זיין כּבוד בעט איהם אויס דאָס הסב־בעט. די מאַמע איז פאַרטאַרעראַמט מיט׳ן גרייטען צום סדר, און ריקעל די מויד העלפט איהר אונטער. ערשט אַז עס קומט צום קידוש מאַכען, שמועסט זיך דורך דער טאַטע מיט׳ן אורח אויף לשון־קודש, און איך בין מלא גדולה, וואָס איך פאַרשטעה כּמעט איטליכס וואָרט. איך געב דאָ איבער זייער לשון־קודש׳ען שמועס מלה במלה:

# THE GUEST

## 1

"Reb Yonah, I have a guest for you for Passover. I guarantee you've never seen anyone like him."

"What's he like?"

"He's no run-of-the-mill visitor, but a diamond, a peach of a man."

"What do you mean a peach?"

"I mean he's topnotch. All class. A man of distinction. But he's got only one fault. He doesn't understand Yiddish."

"Then what language *does* he understand?"

"The holy tongue, Hebrew."

"Is he from Jerusalem?"

"I don't know where he's from. But he speaks with a Sephardic accent—whatever he says is full of 'aahs.' "

Such was the conversation that my father had with Azriel the *shamesh* a few days before Passover. I was curious to see this peach of a man who spoke no Yiddish but only Hebrew with lots of "aahs." In *shul* I had noticed an odd-looking creature in a fur cap, wearing a Turkish cloak with yellow, blue, and red stripes. All the kids surrounded him and gaped. For this Azriel the *shamesh* raked us over the coals: It's a terrible habit for kids to go poking into a stranger's face.

After prayers the entire congregation greeted the newcomer with *Sholom* and wished him a happy holiday.

A sweet smile spread over his gray-whiskered red cheeks, and instead of our *Sholom*, he replied, *"Shalom, shalom."*

His *Shalom* caused us youngsters to double over with laughter. Which annoyed Azriel the *shamesh.* He ran after us ready to dole out smacks. But we dodged him and sneaked up to the newcomer again to hear him say, *"Shalom, shalom."* Once more we burst into hysterics and ducked away from Azriel's raised hand.

Proud as a peacock, I followed my father and the odd-looking character, sensing that all my friends envied me for having a guest of his caliber for the holiday. Their glances followed us from afar, and I turned around and stuck my tongue out at them. All three of us were silent on our way home. When we entered the house, Father called out to Mama, *"Gut yontev!* Happy holiday!"

The guest nodded, and his fur cap shook.

*"Shalom, shalom."*

I thought of my friends and hid my face under the table, trying hard to keep a straight face. I kept glancing at our guest. I liked him. I liked his Turkish cloak with its stripes of yellow, blue, and red; his apple-red cheeks edged with a round gray beard; his beautiful black eyes that twinkled beneath his bushy gray eyebrows. I sensed that my father liked him, too. Father was delighted by his presence. He himself prepared the cushioned chair for our guest, and Mama considered him a holy man. Yet no one said a word to him. Mama, assisted by Rikl the maid, was in a dither preparing for the Seder. Conversation first began when we were ready to recite the Kiddush over the wine. Then Father spoke to our guest in Hebrew. I brimmed with pride since I understood almost every word. Here is what they said in Hebrew, word for word:

Father: "Nu?" (*Meaning in Yiddish: Please recite the Kiddush!*)

The Guest: "Nu, nu!" (*Translated, this means: You recite it.*)

Father: "Nu-aw?" (*Why not you?*)

Guest: "Aw-nu?" (*And why don't you?*)

Father: "Ee-aw?" (*You first!*)

The Guest: "Aw-ee!" (*First you!*)

Father: "Eh-aw-ee!" (*Please, you say it!*)

The Guest: "Ee-aw-eh! (*You say it, please!*)

דער טאַטע: נו? (אויף אונזער לשון זאָל דאָס הייסן: מאַכט, זייט מוחל, קידוש!).

דער אורח: נו־נו! (אויף אונזער לשון זאָל דאָס הייסן: מאַכט, מאַכט!).

דער טאַטע: נו־אָ? (פאַר וואָס ניט איהר?).

דער אורח: אָ־נו? (איהר פאַר וואָס נישט?).

דער טאַטע: אי־אָ! (פריהער איהר!).

דער אורח: אָ־אי! (איהר פריהער!).

דער טאַטע: ע־אָ־אי! (איך בעט אייך, מאַכט איהר!).

דער אורח: אי־אָ־ע! (מאַכט איהר, איך בעט אייך!).

דער טאַטע: אי־ע־אָ־נו? (וואָס ווערט אייך אהרען, אז איהר וועט מאַכען פריהער?).

דער אורח: אי־אָ־ע־נו־נו! (אז איהר ווילט דווקא איך, לאָז זיין איך!).

און דער אורח נעמט דעם כוס פון'ם טאַטענ'ס הענט און לעגט־אוועק אַ קידוש, נאָר אַזאַ קידוש, וואָס מיר האָבען אַזעלכס נישט געהערט און וועלען שוין נישט הערען קיינמאָל. ערשטענס, די עברי, וואָס מיט סאַמע פתח'ען: „ברשות מאַראַנאַן ורבאַנאַן ורבאַטאַי"... און צווייטענס — דאָס קול, וואָס נעהמט ביי איהם נישט פון'ם האַלז, נאָר ווי פון'ם טערקישען חאַלאַט, וואָס מיט געלע, בלויע און רויטע פאַסען. איך האָב מיך דערמאָנט אָן מיינע חברים, וואָס פאַר אַ געלעכטער דאָ וואָלט אויסגעבראָכען און וואָס פאַר פעטש דאָ וואָלטען געפלויגען, ווען זיי זאָלען, אַשטייגער, זיין ביי דעם קידוש! נאָר אַזוי ווי איך בין דאָ אַליין, האַלט איך מיך איין און פרעג דעם טאַטען די פיער קשיות, און מיר זאָגען די הגדה אַלע אינאיינעם, און איך בין שטאָלץ, וואָס דער דאָזיגער פאַרשוין איז אונזער אורח, נישט קיינעמ'ס.

ב.

דער תנא, וואָס האָט געזאָגט: „אין משיחין בסעודה" — מען זאָל נישט רעדען, הייסט עס, ביי'ם עסען, זאָל ער מיר מוחל זיין, האָט נישט געקענט דאָס אידישע לעבען. איך בעט אייך, ווען האָט אַ איד, למשל, צייט צו רעדען, אַז נישט ביי'ם עסען? ובפרט פסח צום סדר, וואָס ס'איז פאַראַן אַזוי פיעל צו זאָגען פאַר דער סעודה און נאָך דער סעודה? ריקעל די מויד האָט דערלאַנגט דאָס וואַסער, מע האָט זיך נאָר געוואַשען, געמאַכט המוציא, געזאָגט „על אכילת מצה", און די מאַמע האָט אויסגע־טיילט די פיש, — אַזוי האָט דער טאַטע פאַרקאַטשעט די אַרבעל און האָט זיך אַריינגעלאָזט מיט'ן אורח אין אַ לאַנגען שמועס אויף לשון־קודש. דאָס ערשטע, וואָס דער טאַטע האָט איהם געפרעגט, איז געווען די געוועהנליכע שאלה, וואָס איין איד פרעגט ביי'ם אַנדערען אידען:

— מה שמכם?

דערויף האָט איהם דער אורח געענטפערט מיט סאַמע פתח'ען און אין איין אָטהעם, ווי מע זאָגט די עשרת בני־המן אין דער מגילה:

— איק בכר גלש דמת הנך וסם זען חתף מצץ.

דער טאַטע איז געבליבען זיצען מיט'ן ביסען אין מויל און געקוקט פאַרוואונדערט אויף'ן פאַרשוין, אַפנים, דערפאַר, וואָס ער טראָגט אַזאַ לאַנגען נאָמען. און איך האָב מיך פאַרהוסט און געקוקט אַראָפּ, אונטער'ן טיש. האָט מיר די מאַמע אַ זאָג געטהאָן: „פאַוואָלי ווי דו עסט פיש, קאָנסט זיך וואַרגען, חלילה, מיט אַ ביינדעל". און אויף'ן פאַרשוין האָט זי אַ קוק געטהאָן מיט גרויס רעשפעקט. עס ווייזט אויס, אַז זי איז פון'ם נאָמען גאָר נתפעל געוואָרען, חאָטש זי האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דאָס באַדייט. און אַזוי ווי דער טאַטע האָט יאָ פאַרשטאַנען, האָט ער געפונען פאַר נויטיג איהר די זאַך אויפצוקלערען:

— פאַרשטעהסט דו מיך, א י ק ב כ ר — דאָס איז אונזער איבערגעקעהרטער אַלף־בית, און דאָרט איז ביי זיי, אַפנים, אַזאַ מנהג, אַז איטליכער הייסט ביי זיי על־פי אַלף־בית.





Father: "Ee-eh-aw-nu?" (*Does it really matter to you if you say it first?*)

The Guest: "Eeeh-aw? Nu, nu!" (*Well, if you insist, then I'll say it!*)

The guest took the Kiddush cup from Father's hand and recited a Kiddush the likes of which we had never heard before and will never hear again. First of all, his Sephardic Hebrew pronunciation, full of "aahs." Second, his voice, which came not from his throat but from his striped Turkish cloak. Thinking of my friends, I imagined the giggles that would have broken out and the blows and smacks that would have flown had they been here for the Kiddush. But since they were not with me, I controlled myself, asked Father the Four Questions, and we all recited the Hagada together. I was proud as could be that this man was our guest and no one else's.

2

May he forgive me for saying this, but the sage who suggested silence during mealtime had no knowledge of Jewish life. When else does a Jew have time to talk, if not during mealtime? And especially at the Passover Seder, when we talk so much about the Exodus from Egypt? Rikl handed us the water for the ritual washing of hands, and we recited the benedictions. After Mama had distributed the fish, Father rolled up his sleeves and got into a lengthy Hebrew conversation with our guest. Naturally, Father began with the first question that one Jew always asks another:

"What's your name?"

The guest's reply was one full of "aahs," rattled off in one breath, as quickly as Haman's sons' names are dashed off during the reading of the Purim Megillah.

"ZYXW VUTS RQPON MLKJIHG FED CBA," he said.

Father stopped chewing and looked with openmouthed amazement at the guest who bore such a long name. I fell into a fit of coughing and stared down at the floor.

"Careful with the fish," said Mama. "You might choke on a bone, God forbid."

— בײ אײך זינגען לװיים אין שוהל? — פרעגט איהם דער טאטע פארװאונדערט און באקומט באלד א תשובה און גיט דאס איבער דער מאמע אויף אונזער לשון, און דאס פנים בײ איהם שײנט, װי די זון:

— װאס זאגסט דו דערויף? ער דערצעהלט, אז בײ זײ איז פארהאן א בית־המקדש מיט כהנים מיט לװיים מיט אײן ארגעל...

— נו, און א מזבח? — טהוט איהם דער טאטע א פרעג און באקומט א תשובה, און גיט דאס איבער דער מאמע אויף אונזער לשון:

— ער זאגט, ס'איז דא בײ זײ א מזבח מיט קרבנות, זאגט ער, מיט גילדענע כלים, אלסדינג װי אמאל, זאגט ער, בײ אונז אין ירושלים.

און בײ די װערטער לאזט־ארויס דער טאטע א טיעפען זיפץ, און אויף איהם קוקענדיג, זיפצט אויך די מאמע. און איך פארשטעה איהם ניט, װאס דארף מען דא זיפצען? אדרבה, מע באדארף זײן שטאלץ, מע באדארף זײן פרײליך, װאס מיר האבען אזא לאנד, װאו עס געװעלטיגט א אידישער מלך און א כהן גדול און װאו עס געפינט זיך א בית־המקדש מיט כהנים, מיט לװיים, מיט אײן ארגעל, מיט א מזבח, מיט קרבנות... און גוטע, ליכטיגע מחשבות חאפען מיך אויף און טראגען מיך אװעק גלײך אהינצו, אין יענעם גליקליכען אידישען לאנד, װאו די הײזער זענען געבויעט פון סאמע טענענבוימער, געדעקט מיט רײן זילבער, װאו די כלים זענען פון גין־גאלד, און װאו בריליאנטען, פערלען, דימענטען װאלגערען זיך אויף דער גאס. און עס גנבה'ט זיך ארײן צו מיר א מחשבה, אז װען איך זאל דארטען זײן, װאלט איך שוין געװאוסט װאס איך האב צו טהון; איך װאלט שוין געװאוסט, װאו צו באהאלטען; בײ מיר װאלט מען שוין נישט אויסגעטרײסעלט נארנישט... איך װאלט שוין געבראכט פון דארטען דער מאמע א שענע מתנה: אויהערינגלעך בריליאנטענע און פערעל עטליכע שנירלעך. און בשעת מעשה טהו איך א קוק אויף דער מאמע'ס דימענטענע אויהערינגלעך מיט די געלע פערעלעך, װאס אויף איהר װײסען האלז, און איך באקום א שטארקען חשק צו זײן אינ'ם דאזיגען לאנד, און עס פאלט מיר אײן א געדאנק.

איך זאל נאך פסח זיך דורכפאהרען אהין מיט'ן דאזיגען אורח, געװײנטליך, בסוד, אז קײנער זאל ניט װיסען. איך װעל דעם סוד אנטפלעקען פאר'ן אורח, אויסגיסען פאר איהם מײן הארץ, אויסזאגען איהם דעם גאנצען אמת, און בעטען איהם, ער זאל מיך נעמען מיט זיך אהינצו חאטש אויף א קלײנער צײט. ער װעט דאס מיר געװיס טהון. ער איז זעהר א גוטער, א צוגעלאזטער פארשוין. ער קוקט אויף איטליכען באזונדער, און אפילו אויף ריקעל די מויד, אזוי פרײנטליך, אזוי פרײנטליך!

אזוי טראכט איך מיר און קוק אויף אונזער אורח, און עס מאהלט זיך מיר אויס, אז ער טרעפט מײן מחשבה, מחמת ער קוקט אויף מיר מיט זײנע שענע שװארצע אויגען, און עס דאכט זיך מיר, אז ער װינקט צו מיר און זאגט צו מיר אויף זײן לשון:

— שװײג, װײסער־חברה'ניק אײנער, לאז נאר איבערגעהן דער פסח, װעט שוין זײן רעכט!...

## ד.

א גאנצע נאכט פלאנטען זיך מיר חלומות: א מדבר, א בית־המקדש, א כהן גדול און א בארג א הויכער, און איך קלעטער ארויף אויפ'ן בארג, און דארט װאכסען בריליאנטען, פערלען, דימענטען, און מײנע חברים קריכען ארויף אויף די בוימער און טרײסלען זײ, און עס פאלען פון דארטען אויף דער ערד גוזמי גוזמאות בריליאנטען, פערלען, דימענטען, און איך שטעה פון הינטען און קלויב די בריליאנטען, פערלען, דימענטען, און שטופ אין די קעשענעס — און מערקווירדיג! װיפיעל איך שטופ — און עס געהט נאך! װיפיעל איך שטופ — און עס געהט נאך! לעג איך ארײן די האנט אין קעשענע און נעם־ארויס פון דארטען אנשטאט בריליאנטען, פערלען, דימענטען — נאר פירות אלערלײ: עפעל און בארען, און פאמעראנצען און אײלבערטען, און טײטלען און ניס און פײגען... און איך האב דערפון גרויסע אנגסטען, קאטשע

scattered on the streets. Suddenly I had a thought. If I were there, I would have known what to do and how to hide what I had found. They wouldn't have shaken a thing out of my pockets. I would have brought Mama a fine present—diamond earrings and several strands of pearls. I looked at the diamond earrings and the pearl necklace on Mama's white throat and had a strong desire to be in that land. I had an idea. After Passover I would travel there with our guest. Naturally, in absolute secrecy. No one would know a thing. I would reveal the secret only to our guest, pour out my heart to him, tell him the whole truth, and ask him to take me with him, if only for a little while. He'd surely do that for me. He was an extremely kind and pleasant man. He looked at everyone so amiably, even at Rikl the maid.

So ran my thoughts as I looked at our guest. I fancied that he read my mind, for he looked at me with his beautiful black eyes, and I imagined that he winked and said to me in his own language:

"Not a word, you little rascal. Wait till after Passover, and everything will be all right."

## 4

All night long I was beset by dreams. I dreamed of a desert, a holy temple, a high priest, and a lofty mountain. I climbed the mountain. Gems, pearls, and diamonds grew there. My friends clambered up the trees and shook the branches, bringing down an endless supply of precious stones. I stood there, gathered up the jewels and stuffed them into my pockets. And, amazingly enough, no matter how many I stuffed there was always more. I put my hand into my pocket, and instead of gems, I took out all kinds of fruit—apples, pears and oranges, olives and dates, nuts and figs. . . . This terrified me, and I tossed from side to side. I dreamed of the holy temple. I heard the priests chanting their blessing, the Levites singing, and the organ playing. I wanted to go into the holy temple but could not. Rikl the maid held my hand fast and didn't let me go. I begged

מיך פון איין זייט אויף דער אנדערער, און עס חלום'ט זיך מיר דאס בית־המקדש, און איך הער די כהנים דוכנ'ען און די לויים זינגען און דעם ארגעל שפּיעלען, און עס ווילט זיך מיר אריינגעהן אינווענינג אין בית־המקדש, און איך קאן נישט — ריקעל די מויד האלט מיך צו און לאזט מיך ניט, און איך בעט זיך ביי איהר, איך שריי, איך וויין, איך האב דערפון גרויסע אנגסטען, קאטשע מיך פון איין זייט אויף דער אנדערער, און חאפּ מיך אויף און... דערזעה פאר זיך דעם טאטען מיט דער מאמען שטעהען האלב אנגעטהאן, ביידע בלאס, ווי דער טוידט, דער טאטע אראפּגעלאזט דעם קאפּ, די מאמע ברעכט די הענט און אויף איהרע שענע אויגען שטעהען טרערען. מיין קינדערש הארץ דערפיהלט, אז דא איז עפּיס געשעהען ניט קיין גוטע זאך, זעהר ניט קיין גוטע זאך, נאר וואס מיין קינדערש קעפּעל האט נישט צוגעטראכט פאר איין אומגליק — איז דאס געווען א גארנישט קעגען דעם, וואס ס'איז געשעהען.

און געשעהען איז אט וואס: אונזער אורח, דער פּארשוין פון יענער ווייטער מדינה, פון יענעם גליקליכען לאנד, וואס די הייזער זענען דארט געבויעט פון סאמע טענענבוימער און געדעקט מיט ריין זילבער א. א. וו., איז נעלם געווארען, און אינאיינעם מיט איהם איז נעלם געווארען ביי אונז א סך זאכען: אלע זילבערנע כוסות, אלע זילבערנע לעפעל, גאפּלען און מעסערס, דאס גאנצע ביסעל ציערונג דער מאמע'ס, און אויך מזומן געלט, וויפיעל עס האט זיך געפונען ביי אונז אין קאסטען. און אויך ריקעל די מויד איז מיט איהם אנטרונען געווארען...

און עס נעמט מיך אן ביי'ם הארצען, נישט אויף די זילבערנע כוסות מיט די זילבערנע לעפעל, גאפּלען און מעסערס, וואס זענען נעלם געווארען, און נישט אויף דער מאמע'ס ציערונג, און נישט אויפ'ן מזומן געלט, און נישט אויף ריקעל די מויד — חאפּט זי דער רוח! — נאר אויף דעם גליקליכען־גליקליכען לאנד, וואס סע וואלגערען זיך דארטען בריליאנטען, פּערלען, דימענטען, און אויף דעם בית־המקדש, מיט די כהנים, מיט די לויים, מיט'ן ארגעל, מיט'ן מזבח, מיט די קרבנות און מיט די אלע איבעריגע גוטע זאכען, וואס מע האט ביי מיר אוועקגערויבט, צוגענומען, צוגענומען, צוגענומען.

און איך קעהר מיך אום מיט'ן פּנים צום וואנט און וויין, וויין שטילערהיים.



her; I yelled; I wept. I was scared to death and tossed from side to side.

Then I awoke—

Before me were my parents, half-dressed, both as pale as death. Father's head was bowed. Mother wrung her hands, and tears brimmed in her beautiful eyes. My heart sensed that something awful had happened, something terribly dreadful, but yet I was unable to comprehend the extent of the disaster.

Our guest, the stranger from that faraway land, from that blissful land where houses were made of pinewood, covered with pure silver, and so on—that guest had vanished. And along with him a host of other things as well. All our silver goblets, all our silverware, all of Mama's meager jewelry, as well as all the cash in our drawers. And Rikl the maid had taken off with him, too.

I was heartbroken, but not because of the stolen silver, or Mama's jewelry, or the cash, or Rikl the maid—the devil take her. I was heartbroken over that blissful land where precious stones lay scattered about, and over the holy temple with the priests and Levites, the organ, altar, and sacrifices, and over the other good things that had been taken from me—brutally, brutally stolen.

And I turned to the wall and wept softly to myself.

1906

Translated Curt Levient